NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12877

DER FLIENDIKER KUFERT

Hans Christian Andersen

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

WORKMEN'S CIRCLE SCHOOL
780 Elsmere Place Bronx

ביבליאָטעק „פֿאַרן פֿאָלקסשולער".
רעדאַקטירט פֿון ש. באַסטאָמסקי. סעריע ג׳ 2

האַנס אַנדערסען.

דער פֿליענדיקער קופֿערט

ייִדיש — ז. רייזען.

ווילנע
פֿאַרלאַג „נײַע ייִדישע פֿאָלקסשול"
1931

ביבליאָטעק „גרינינקע ביימעלעך״.
רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי. סעריע ב׳ 2

האַנס אַנדערסען.

דער פליענדיקער קופערט

יידיש – ז. רייזען.

CIRCLE SCHOOL
Place, Bronx, N. Y.

ווילנע
פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול״
1931

Printed in Poland

Biblioteka „GRININKE BOJMEŁECH“
redagowano przez S. BASTOMSKIEGO.

H. Andersen.

Skrzynia latająca

Przekład Z. Rejzena.

Drukarnia „Expres“ Wilno, Wielka 33.

דענקמאָל פון האַנס אַנדערסען

אַמאָל איז געווען אַ סוחר. איז ער געווען אזוי רייך, אַז ער האָט גע=קאָנט אויספלאַסטערן די גאַנצע גאַס און נאָך אַ געסל דערצו מיט לויטער זילבערנע טאָלערס. נאָר ער האָט עס נישט געטאָן און האָט בעסער דאָס געלט אַנדערש פאַרווענדט. האָט ער אויסגעגעבן אַ דרייער, פלעגט ער צוריק באַקומען אַ טאָלער. יאָ, ער איז געווען אַ טיכטיקער סוחר. אָבער שטאַרבן האָט ער דאָך געמוזט.

דער זון זײַנער האָט באַקומען דאָס גאַנצע געלט און ער האָט לוסטיק גע־לעבט: איז געגאַנגען אַלע נאַכט אויף מאַסקן־בעלער, האָט געמאַכט פּאַפּי־רענע שיכלעך פון אַסיגנאַציעס און האָט געוואָרפן אין ים אַריין רענדלעך אַנשטאָט שטיינער. בײַ אַזאַ מין פירונג האָט דאָס געלט באַלד געזאָלט זיך אויס־נעמען. און עס האָט זיך טאַקע אויס־גענומען. צום סוף האָט ער געהאַט נישט מער ווי עטלעכע גראָשן און פון קליידער האָט ער געהאַט נאָר אַ פּאָר פּאַנטאָפל און אַן אַלטן שלאָפראָק. אַלע פרײַנד זײַנע האָבן אים פאַרלאָזן, ווײַל זיי האָבן מיט אים מער נישט געקאָנט זען זיך אין גאַס. נאָר איינער פון זיי, אַ גוטמוטיקער מענטש, האָט אים געשיקט אַן אַלטן קופערט און געלאָזט אים זאָגן: „פּאַק זיך אײַן!"

יאָ, דאָס איז געווען גאַנץ גוט געזאָגט. אָבער ער האָט נישט געהאַט וואָס איינצופּאַקן און דעריבער האָט ער זיך אַליין אַריינגעזעצט אין קו־פּערט אַריין.

דאָס איז געווען אַן אויסטערלישער קופּערט: ווי נאָר מע פּלעגט אַ דריק טאָן דעם שלאָס, האָט ער אָנגעהויבן צו פליען.

און אַז דער יונגערמאַן איז אַריין אין קופּערט, איז ער גלייך אַרויסגעפלויגן דורכן קוימען, הויך אַרויף איבער די וואָלקנס, און אַוועק אַלץ ווייטער און ווייטער. צווויילן פּלעגט די דעק פון קופּערט קנאַקן און טרעשטשען און ער האָט דאַן געהאַט גרויס פּחד, אַז דער קו־פּערט זאָל ניט צעפליען אויף שטיקלעך, ווייל דאַמאָלסט וואָלט ער באַדאַרפט מאַכן אַ נישקשהדיקן הימל־שפּרונג,

נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין!

ענדלעך איז ער געקומען אין דעם לאַנד פון די טערקן. דעם קופּערט האָט ער באַהאַלטן אין וואַלד אונטער פאַרדאַרטע בלעטער, און אַליין איז ער אַוועק אין שטאָט אַריין. דאָס האָט ער געקאָנט זייער לייכט טאָן, מחמת ביי די טערקן זיינען אַלע געגאַנגען ווי ער אין אַ שלאָפראָק און פאַנטאָפל.

דאָ האָט ער באַגעגנט אַן אַם מיט אַ קליין קינד.

— הער דו, טערקישע אַם! — האָט ער געזאָגט: — וואָס איז דאָס פאַר אַ גרויסער פּאַלאַץ דאָרט, מיט די פענצטער אין דער הויך?

— דאָרט וווינט דעם קיניגס טאָכ־טער! — האָט זי געענטפערט — מע האָט איר נביאות געזאָגט, אַז זי וועט איבער אַ געליבטן זייער אומגליקלעך זיין, און

דעריבער טאָר קיינער צו איר נישט קומען, בשעת דער קיניג אָדער די קיניגין זיינען נישטאָ דערביי.

— אַ דאַנק! — האָט געזאָגט דעם סוחרס זון. ער איז אַוועק אין וואַלד אַריין, זיך געזעצט אין דעם קופערט זיינעם, אַרויפגעפלויגן אויפן דאַך פון פּאַלאַץ און אַריינגעקראָכן דורכן פענ-צטער צו דער בת-מלכּה אַריין.

זי איז געלעגן אויף דער סאָפע און געשלאָפן. זי איז געווען אַזוי שיין, אַז ער האָט זי גענומען אַ קוש טאָן. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך זייער דער-שראָקן, נאָר ער האָט איר געזאָגט, אַז ער איז דער טערקישער גאָט, וואָס איז צו איר געקומען פון דער לופטן, און דאָס איז איר זייער געפעלן.

אַזוי זיינען זיי געזעסן איינס לעבן אַנדערן און ער האָט איר דערציילט

מעשיות פון אירע אויגן: אַז זיי זיינען
ווי די העלערכסטע טונקעלע ימען
ווי די געדאַנקען שווימען אַרום אַזוי־
ווי ים־מיידלעך. ער האָט איר דער־
ציילט פון איר שטערן, אַז ער איז ווי
אַ שניי־פּאַלאַץ מיט די שענסטע זאַלן
און בילדער. אויך האָט ער איר דער־
ציילט פון בושל, וואָס ברענגט די
ליבע קינדערלעך אַראָפּ.

יאָ, דאָס זיינען געווען וווּנדערלעכע
מעשיות! דאַן האָט ער געבעטן די בת־
מלכּה, זי זאָל מיט אים חתונה האָבן,
און זי האָט אים גלייך געגעבן איר
יאָ־וואָרט.

— אָבער איר מוזט שבּת אַהער־
קומען. דאַן איז ביי מיר דער קיניג און
די קיניגין צום טיי. זיי וועלן זיך זייער
איבערנעמען, וואָס איך האָב חתונה
מיט דעם טערקישן גאָט! אָבער זעט

אָנגרייטן עפּעס גאָר אַ שיין מַעשֶׂהלע צום דערציילן, ווייל די עלטערן מײַנע האָבן שרעקלעך ליב מַעשׂהלעך. מיין מוטער הערט ליבער מאָראַלישע און ערנסטע, און מיין פאָטער — לוסטיקע, איבער וועלכע מע קאָן לאַכן.

— יאָ, איך וועל קיין אַנדער חתונה־מַתָּנָה נישט ברענגען, נאָר אַ מַעשֶׂהלע! — האָט ער געזאָגט. און זיי האָבן זיך צעשיידט. די בת־מלכּה האָט אים געשענקט אַ שווערד, באַזעצט מיט גאָלדענע מַטבעות, וועלכע ער האָט געקאָנט זיך אויסגעבן.

דאַן איז ער אַוועקגעפלויגן, האָט זיך געקויפט אַ נייעם שלאָפראָק און זיך געזעצט דרויסן אין וואַלד און פאַרפאַסט אַ מַעשֶׂהלע. אויף שבת האָט עס געדאַרפט פאַרטיק זיין און דאָס איז געווען ניט אַזוי גרינג.

אָבער אויף שבת איז עס דאָך פאַר־
טיק געוואָרן.

דער קיניג, די קיניגין און דער גאַנצער הויף האָבן געוואַרט ביי דער בת־מלכּה מיטן טיי. מע האָט אים זייער פריינדלעך אַנטקעגנגעגאַנגען**).

— ווען איר אונדז איצט דערציילן אַ מעשה? — האָט די קיניגין געזאָגט, — אַ טיפּזיניקע מוסר־השכּלדיקע מעשה?

— אָבער מע זאָל דערביי אויך קענען לאַכן! — האָט דער קיניג צו־
געגעבן.

— אָך! — האָט ער געזאָגט—מע מוז עס הערן מיט קאָפּ. און גענומען דער־
ציילן:

„אַמאָל איז געווען אַ פּעקל שוועבעלעך, וואָס האָבן זיך זייער גרויס געהאַלטן מיט זייער הויכן יחוס. זייער שטאַם־בוים, דאָס הייסט—די גרויסע

סאָסנע, וואָס יעדעס שוועבעלע איז
געווען אַ קליינטשיק שטיקעלע פון
איר, איז געווען אַ גרויסער אַלטער
בוים אין וואַלד. זיינען די שוועבעלעך
געלעגן אויפן געזימס צווישן אַ פייער-
צוואַנג און אַן אַלטן אייזערנעם טאָפּ
און האָבן דערציילט זיי פון זייער יוגנט.
„יאָ, האָבן זיי געזאָגט, בשעת מיר זיינען
געווען אויפן גרינעם צווייג, האָט אונדז
נישט געפעלט פון פויגלמילך. אַלע
אָוונט און אַלע אינדערפרי האָבן מיר
געהאַט דימענט-טיי, דאָס איז געווען
דער טוי; דעם גאַנצן טאָג האָבן מיר
געהאַט זונען-שיין. דאַן האָט די זון גע-
שיינט און אַלע קליינע פייגל האָבן
אונדז מעשיות דערציילט. מיר האָבן
לייכט געקאָנט באַמערקן, אַז מיר זיינען
אויך רייך געווען, דען די בלעטער-
ביימער זיינען נאָר זומער געווען באַ-

קליידט, אָבער אונדזער פאַמיליע האָט געקאָנט באַווייזן צו שאַפן זיך גרינגע קליידער סיי פאַרן זומער, סיי פאַרן ווינטער. איינמאָל זיינען אָבער געקו־מען די האָלצהעקער און עס איז גע־וואָרן אַ גרויסע איבערקערעניש; אונ־דזער גאַנצע פאַמיליע איז צעשפּאָלטן געוואָרן, דער שטאַמפּאָטער אונדזערער האָט געקראָגן אַ שטעלע אַלס הויפּט־מאַסט אויף אַ פּרעכטיקער שיף, וועלכע האָט געקענט אַרומרייזן די גאַנצע וועלט, ווען זי וואָלט עס נאָר געוואָלט. די אַנדערע צווייגן האָבן געקראָגן אַנדערע באַשעפטיקונגען, און אונדז איז אויסגעפאַלן דער גורל אָנצוצינדן ליכט דעם נידעריקן המון...״

— „מיין שיקזאַל איז אַ גאַנץ אַנ־דערער!״ —האָט געזאָגט דער אייזערנער טאָפּ, וואָס איז געלעגן לעבן די שווע־

בעלעך — זינט איך האָב דערזען דאָס ליכט פון דער וועלט, בין איך פיל מאָל געשייערט און געקאָכט גע־וואָרן. איך זאָרג פאַר דעם, וואָס האָט אַ דויערהאַפטן ווערט, און בין, אין פלוג גערעדט, דער ערשטער דאָ אין הויז. מיין איינציקער פאַרגעניגן איז נאָכן עסן צו ליגן אַ ריינער און אַ פיינער אויפן געזימס און שמועסן שכלדיקע רייד מיט די חברים מיינע. אויסער דעם עמער, וועלכער גייט אַוועק פון צייט צו צייט אויפן הויף נאָך וואַסער, לעבן מיר דאָ אַלע הינטער צוגעמאַכטע טירן. אונדזער איינציקער נייס־ברענגער איז דער מאַרק־קויש. אָבער ער רעדט צו חוצפהדיק וועגן דער רעגירונג און וועגן דעם פאָלק. אַנומלט איז אַן אַלטער טאָפּ אַראָפּגעפאַלן פאַר שרעק פון דעם קויש׳ס רייד אויף דער ערד און זיך

צעבראָכן אויף שטיקלעך! אוי, איז דאָס
אַ סחורה, אָט דער דאָזיקער קויש!"
— „דו רעדסט שוין אַ ביסל צופיל!"
האָט די פייערצוואַנג געזאָגט און האָט
אַ קלאַפּ געטאָן אָן דעם פייערשטיין,
אַז פונקען האָבן געשפריצט. — לאָמיר
בעסער מאַכן אַ לוסטיקן אָוונט".
— אָי, לאָמיר שמועסן פון דעם, ווער
עס איז דער גרעסטער יחסן צווישן
אונדז!" האָבן געזאָגט די שוועבעלעך.
— „ניין, איך האָב נישט ליב צו ריידן
פון זיך אַליין" — האָט דער טאָפּ געענט-
פערט — לאָמיר בעסער מאַכן אַן אָוונט-
אונטערהאַלטונג. איך וועל אָנהייבן און
עפּעס דערציילן. יעדערער פון אונדז
וועט דערציילן, וואָס ער האָט דורכ-
געמאַכט אין זיין לעבן. דאָס וועט זיך
זיין אַזוי אָנגענעם און פריילעך! אַלזאָ
הערט: אויפן ברעג פון מזרח-ים ביי

די דענישע בוכטעס...

„אַ גרויסאַרטיקער אָנהייב“ — האָבן אויסגערופן אַלע טעלער — דאָס איז געוויס אַ מעשה, וואָס וועט אַלעמען גבפעלן!“

— יאָ, האָט דער טאָפּ ווייטער דער=ציילט — דאָרט האָב איך מיין יוגנט פאַר=בראַכט ביי אַ שטילער פאַמיליע. דאָס מעבל איז דאָרט פּאָלירט געווען, די פּאָדלאָגעס פּאָטירט, און אַלע פערצן טעג פלעגט מען אָנציען נייַע פאָר=האַנגען!“

—„אַך, ווי שיין איר דערציילט! — האָט געזאָגט די קאָטשערע — מע זעט גלייך, אַז דאָס דערציילט איינער, וואָס האָט לאַנג פאַרבראַכט צווישן פרויען! עס הערט זיך עפּעס באַזונדער ריינס אין דער מעשה!“

—„יאָ, דאָס זעט מען! — האָט געזאָגט

דער וואַסער=עמער און האָט פאַר פרייד אַזש אַ זעץ געטאָן זיך אָן דער פּאָד=לאָגע.

דער טאָפּ האָט ווײַטער דערציילט און דער סוף איז געווען פּונקט אַזוי שיין ווי דער אָנהייב.

אַלע טעלער האָבן געקלאַפּט פאַר פרייד און די קאָטשערע האָט אַרויס=געצויגן אַ גרינע פּעטרישקע פון שפּיי=קעסטל און באַקראַנצט דערמיט דעם טאָפּ, ווײַל זי האָט געוווּסט, אַז זי וועט מיט דעם פאַרשאַפן עגמת=נפש אַלע אַנדערע. „אַז איך וועל אים היינט קראַנצן"—האָט זי געטראַכט—וועט ער מיך באַקראַנצן מאָרגן".

—„איצטער וועל איך טאַנצן!"—האָט געזאָגט די פייער=צוואַנג און האָט אָנגעהויבן צו טאַנצן. אַך, גאָט אין הימל, ווי זי האָט עס געהויבן אַ ביסל

איין פוס אין דער הייך! דער באַצוג פון דעם אַלטן שטול דאָרט אין ווינקל האָט געפּלאַצט ביי דעם אָנבליק.

„ווער מען איצט אויך מיך באַ־קראַנצן?" האָט געפרעגט די פייער־צוואַנג און איז געוואָרן באַקראַנצט.

— „וואָס פאַר אַ געמיינע לייט דאָס זיינען!" — האָבן די שוועבעלעך גע־טראַכט.

איצט האָט דער סאַמאָוואַר געדאַרפט זינגען. אָבער ער האָט זיך אַנטשול־דיקט און דערקלערט, אַז ער איז פאַר־קילט און אַז ער קאָן נאָר זינגען אין קאָכעדיקן צושטאַנד. אָבער דאָס איז אַין פלוג געווען בלויז גאַווה: ער האָט געוואָלט זינגען נאָר אויף דעם טיש דאָרט ביי די הערשאַפטן.

אויפן פענצטער איז געזעסן אַן אַלטע פעדער, וואָס די דינסט פלעגט־

מיט איר שרייבן. די פעדער האָט זיך מיט קיין שום זאַך נישט אויסגעצייכנט, אויסער מיט דעם, וואָס זי איז טיף= איינגעטונקט געווען אין טינטער. אָבער טאַקע דערמיט האָט זי זיך גרויס= געהאַלטן.

— „ווייל דער סאַמאָוואַר נישט זינ= גען — האָט זי געזאָגט — איז ווי ער וויל זיך. דאָרטן זיצט אין אַ שטייגל אַ נאַכטיגאַל, וואָס קאָן זינגען. אמת, זי האָט זיך גאָרנישט געלערנט, אָבער היינט אין אָוונט וועלן מיר אויספּרווון איר קענטשאַפט".

— „איך געפין עס פאַר העכסט נישט= פּאַסיק" — האָט זיך אָפּגערופן דער טשײַניק (ער איז געווען דעם סאַמאָ= וואַרס אַ גוטער ברודער און אַ שטיקל קרוב זיינער) — אַז אַ פרעמדער פויגל זאָל פאַר אונדז זינגען. איז דאָס פאַס=

ריאַטיש? זאָל דער מאַרק־קויש זאָגן זײַן מיינונג וועגן דעם".

— "איך בין צעקאָכט" — האָט דער מאַרק־קויש געזאָגט — איך בין אַזוי צעקאָכט, אַז איר קענט זיך עס אייך גאָר נישט פאָרשטעלן! אָט אַזוי פאַרברענגט מען עס אַן אָוונט? ס'וואָלט געווען א סך קליגער, מיין איך, צו מאַכן עפּעס אַ שפּיל, און איך וואָלט די שפּיל גע־פירט!"

— "יאָ, יאָ, לאָמיר מאַכן א שפּיל!" — האָבן אַלע אויסגעשריען.

פלוצלונג האָט זיך די טיר געעפנט. דאָס איז אריין דאָס דינסטמיידל. אַלע זיינען זיי שטיל געוואָרן און האָבן נישט געוואגט קיין פּיפּס צו טאָן. אָבער דאָ איז נישט געווען קיין איין טאָפּ, וואָס זאָל נישט האָבן געטראַכט פאַר זיך, אַז ער וואָלט א סך־א סך

געקאָנט אויפטאָן... „יאָ, ווען איך וואָלט נאָר געוואָלט" — האָט יעדערער גע־טראַכט — דאַן וואָלט עס באמת געווען אַ לוסטיקער אָוונט!"

דאָס דינסטמיידל האָט גענומען די שוועבעלעך און אָנגעצונדן פֿייער.

גאָט זאָל אָפּהיטן, מיט וואָס פֿאַר אַ קנאַק זיי האָבן עס אויפגעפלאַמט!

—„איצט קען יעדערער זען, אַז מיר זיינען די ערשטע"! — האָבן זיי גע־טראַכט, — וואָס פֿאַר אַ גלאַנץ, וואָס פֿאַר אַ ליכט מיר האָבן!" — און זיי זיינען פֿאַרברענט געוואָרן".

— דאָס איז געווען אַ וווּנדערשיינע מעשה! — האָט די קיניגין געזאָגט — מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך זיץ אין קיך צוזאַמען מיט די שוועבעלעך...

יאָ, דו וועסט אונדזער טאָכטער פאַר אַ ווייב האָבן.

— אַוודאי! — האָט געזאָגט דער קי־ניג — מאָנטיק ווערסטו אונדזער טאָכטער באַקומען.

איצט האָבן זיי שוין צו אים געזאָגט „דו", ווייל ער האָט דאָך געזאָלט ווערן. אַ גליד פון זייער משפּחה.

אַלזאָ איז די חתונה באַשטימט גע־ווען און דעם אָוונט פריער איז די גאַנצע שטאָט אילומינירט געווען קוכן און בייגל האָט מען געטיילט, די ווייסע חבֿרהניקעס האָבן זיך געשטופּט אויף די גאַסן, געשריען „הורראַ"! און געפּייפט אויף די פינגער. עס איז געווען אומבאַשרייבלעך גרויסאַרטיק.

— „איך דאַרף אויך זען עפּעס טאָן לכּבוד יום־טובֿ" — האָט דעם סוחרס זון געטראַכט. און ער האָט אָנגעקויפט

ראַקעטן, קנאַלערלעך און כּלערליי אַנדערע פייערווערק, אַריינגעלייגט עס אין קופערט אַריין און זיך געלאָזט פליען דערמיט אין דער לופט אַרויף.

גאָט אין הימל, סאַר אַ קנאַקן און ליאַרעם ס׳איז געוואָרן!

אַלע טערקן האָבן דערבײַ אונטער־געשפרונגען אַזוי הויך, אַז די פאַנ־טאָפל זייַנען זיי איבערן קאָפּ געפלויגן. אַזעלכע מיני לופטדערשייַנונגען האָבן זיי קיינמאָל אין לעבן נישט געזען. איצט איז זיי קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז טאַקע געווען דער טערקישער גאָט, וואָס האָט די בת־מלכּה געזאָלט באַקומען.

ווי נאָר דעם סוחרס זון האָט זיך ווידער מיט זייַן קופערט אַראָפּגעלאָזן אין וואַלד, האָט ער געטראַכט: „איך וועל אַ גיי טאָן אין שטאָט אַרייַן, גע־

וואָר ווערן, ווי אַזוי האָב איך אויס־
געגומען מיט מיינע שטיק!

מע קען לייכט פאַרשטיין, אַז ער האָט
שטאַרק חשק געהאַט צו געוואָר ווערן
דאָס.

אָך, וואָס די לייט האָבן זיך אים
אָנדערציילט! יעדערער, ביי וועמען ער
האָט זיך נאָר נאָכגעפרעגט, האָט אים
דערציילט אַן אַנדער מעשה, אָבער גע־
פעלן איז דאָס אַלעמען געווען.

— איך האָב געזען דעם טערקישן
גאָט! — האָט איינער דערציילט — זיינע
אויגן זיינען געווען ווי בלישטשענדיקע
שטערן, און די באָרד — ווי שוימענדיק
וואַסער!

— ער איז געפלויגן אין אַ פייער־
דיקן מאַנטל, — האָט אַן אַנדערער איבער־
געגעבן — און די שענסטע מלאכים־
קעפלעך האָבן אַרויסגעקוקט פון זיינע

פאַלדן אפער!

יאָ, ער האָט זיך אָנגעהערט וווּנדער־לעכע זאַכן. און מאָרגן האָט געדאַרפט זיין די חתונה.

ער איז ווידער צוריקגעגאַנגען אין וואַלד אַריין, צו זעצן זיך אין קופערט — אָבער ווו איז ער אהינגעקומען? דער קופערט איז פאַרברענט געוואָרן. א פונק פון דעם פייערווערק איז אין קופערט געבליבן. פון דעם פונק איז א פייער אויפגעגאַנגען און אָנשטאָט דעם קופערט איז געבליבן א הויפן אַש.

דעם סוחרס זון האָט שוין נישט געקאָנט מער פליען, נישט געקאָנט מער צו זיין כלה גרייכן.

און זי איז דעם גאַנצן טאָג גע־שטאַנען אויפן דאַך און געוואַרט אויף אים. זי וואַרט נאָך עד היום. ער אָבער וואַנדערט אויף דער וועלט און דער־

צײלט מַעשׂיות. נאָר זײ זײנען שוין
נישט אַזעלכע לוסטיקע װי די מַעשׂה
מיט די שװעבעלעך.

אַכטונג, שולן!

שוין דערשינען!!!

נייע
לידער־זאַמלונג

מיט נאָטן

„אונטער די גרינינקע ביימעלעך“

צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי.

מוזיקאַלישע רעדאַקציע פון געזאַנג-לערער פון
די ווילנער יידישע שולן און דיריגענט פון

ווילביג-כאָר א. סלעפ.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

S. Ba stomski. Wilno, Stefańska 24, 28

לאָטאָ־שפּיל
„רעטעניש"

צונויפגעשטעלט

פון ש. באַסטאָמסקי.

באַמערקונגען צום שפּיל

– און –

ענטפערס צו די רעטענישן

פאַרלאַג
„די נייע יידישע פאָלקסשול"
ווילנע